**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/02/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול און MICRON אנאנסירן באדייטנדע פארשריט מיט טשיילד קעיר צוזאגן אין צענטראל ניו יארק

***אלץ טייל פון סטעיט'ס היסטארישע 'גרינע טשיפּס' געזעצן, וועט Micron אוועקנעמען שטרויכלונגען פאר ארבייטער דורכן צושטעלן אן אויפן-ארטיגע פלעי גרופּ פאר Micron ארבייטער***

***Micron וועט גיבן נאך גרענטס פאר טשיילד קעיר אינדערהיים דורך PEACE***

***אנאנס קומט נאך ערשטע צענטראל ניו יארק קאמיוניטי מיטארבעט קאמיטע זיצונג; גרופּע וועט אידענטיפיצירן פריאריטעטן פאר 500 מיליאן דאלארדיגע 'גרינע טשיפּס' קאמיוניטי אינוועסטירונג קאסע***

גאווערנער קעטי האקול און Micron Technology, Inc. האבן היינט אנאנסירט נייע איינצלהייטן ארום די פירמע'ס טשיילד קעיר צוזאגן וואס זיי מאכן אלץ טייל פון די היסטארישע 100 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אויפבויען א נייע פארגעשריטענע סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג קאמפּוס אין קלעי, אָנאָנדאַגאַ קאונטי. די טראנספארמאטיווע שותפות צווישן רעגירונג און א פריוואטע קערפערשאפט וועט ברענגען ביז אזויפיל ווי 50,000 דזשאבס צו צענטראל ניו יארק. אלץ טייל פון די [אפמאך](#) צווישן Micron און ניו יארק סטעיט, האט Micron אפּגעקויפט א שטח פון לאנד אויף Caughdenoy Road אין קלעי וואס וועט דעוועלאפּט ווערן צו זיין אן אויפן-ארטיגע דעי קעיר פאר Micron ארבייטער.

"אין די פריע יארן פון מיין קאריערע האב איך געמאכט די שווערע באשלוס צו אויפגעבן מיין דזשאב ווייל אונזער פאמיליע האט נישט געהאט צוטריט צו טשיילד קעיר — א שווערע באשלוס וואס קיין איין עלטערן אין ניו יארק טארן נישט געצווינגען ווערן צו מאכן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עררייכן די ציהל פארלאנגט שעפערישע פאליסי לייזונגען ווי אונזער 'גרינע טשיפּס' געזעץ (Green CHIPS Act) — א לאנד'ס-פירנדע עקאנאמישע אנטוויקלונג געזעץ וואס פארלאנגט סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורערס צו צוזאגן צו צושטעלן אפּארדעבעל און פארלעסליכע טשיילד קעיר פאר די קאמיוניטיס וואו די ביזנעסער שלאגן ווארצלען. Micron האט געטוהן א געוואלדיגע ארבעט מיטן מקיים זיין זייער זייט פון די געשעפט, ארייננרעכענענדיג דורך א 500 מיליאן דאלארדיגע קאמיוניטי קאסע, און איך בין ערווארטעט צו זעהן די פלעי גרופּ צענטער זיך רוקנדיג פאראויס אין צענטראל ניו יארק."

**סיניאר וויצע פרעזידענט און טשיף פיפּעל אפיסער פון Micron און Micron Foundation פרעזידענט, עיפּריל אַרנזען, האט געזאגט,** "דורכן אוועקנעמען שטרויכלונגען אויף וועג פון ארבייטער צו אנהויבן אדער צו צוריק אנהויבן ארבעטן, שאפט Micron געלעגנהייטן פאר מער פרויען און פאר אנדערע באפעלקערונגען פון וועלכע עס זענען טיפיש דא ווייניגער ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע, ערמעגליכנדיג זיי צו אנהויבן איינפלוסרייכע קאריערעס און ביישטייערן פון זייערע פולסטע מעגליכקייטן. עס איז מיר א פארגעניגן זיך צו אנשליסן מיט די באורד אָוו דירעקטארס פון די Early Childhood

Alliance of Onondaga County. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, קאונטי עקזעקיוטיוו רייען מעקמעהאן, אנדערע ביזנעס פירער און לאקאלע טשיילד קעיר פראָווײדערס צו צושטעלן מער טשיילד קעיר אפציעס פאר צענטראל ניו יארקע פאמיליעס."

זינט די אנאנס פון Micron'ס פארשפרעך צו צענטראל ניו יארק, האט די פירמע געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין טשיילד קעיר וועלכע וועלן בענעפיטירן צענטראל ניו יארקע פאמיליעס. סוף לעצטע יאר האט Micron [צוגעזאגט](#) $500,000 פאר די YMCA פון צענטראל ניו יארק צו העלפן פארברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט און פריע חינוך פאר קאמיוניטיס מיט נישט גענוג סערוויסעס אין די ראיאן. ביז היינט איז $250,000 שוין אויסגעגעבן געווארן אין פריע חינוך, האבנדיג א השפעה אויף כמעט 2,000 קינדער אין די ראיאן. די איבעריגע $250,000 וועט זיין געווידמעט פאר טשיילד קעיר פאר קינדער ביז פינף יאר אלט.

אין צוגאב האט Micron אנאנסירט פינאנצירונג פאר דעם 'פריע חינוך קאריערע וועגן פראגראם' ( Early Childhood Career Pathways Program), אנגעפירט דורך Childcare Solutions און דורך PEACE Inc.. דער פראגראם קאנצענטרירט זיך אויף דאס פארברייטערן און ערמעגליכן פאמיליע היים טשיילד קעיר צענטערן, בענעפיטירנדיג די פראָווײדערס אליין, פילע פון וועלכע זענען פרויען און מינאריטעטן, דורכן פארגרעסערן די צאל היים טשיילד קעיר צענטערן. דאס העלפט פארזיכערן די סטאביליטעט און קוואליטעט אין א וויכטיגע סארט טשיילד קעיר סערוויס.

אוועקגעשטעלט אין 1968, איז [PEACE, inc.](#) א פעדעראל-דעזיגנירטע ['קאמיוניטי אקציע אגענטור'](#) (Community Action Agency, CAA) וואס באדינט קרוב צו 10,000 קליענטן אין סירעקיוז, אָנאָנדאַגאַ קאונטי און חלקים פון אסוויגאָו קאונטי. ארבעטנדיג לויט די פרינציפ פון "מאקסימום מעגליכע באטייליגונג" – די קאנצעפט אז די וועלכע באקומען סערוויסעס דורך די CAA מוזן אויך זיין פארמישט אין די באשלוסן פון די ארגאניזאציע – איז די אגענטור אויף א מיסיע צו העלפן מענטשן אין די קאמיוניטי פארווירקליכן זייערע מעגליכקייטן פון ווערן פינאנציעל זעלבסטשטענדיג.

די היינטיגע אנאנס פאלגט נאך די ערשטע זיצונג פון די צענטראל ניו יארק קאמיוניטי מיטארבעט קאמיטע (Community Engagement Committee) — [צום ערשט אנאנסירט](#) אין אפריל 2023 אלץ טייל פון די קאמיוניטי אינוועסטירונג פרעימווארק אפמאך צווישן Micron און ניו יארק סטעיט. די קאמיטע וואס באשטייט פון עקספערטן אין די נושא און קאמיוניטי פירער וועלכע זענען באשטימט געווארן דורך גאווערנער האקול, וועלן ארבעטן צוזאמען מיט א ברייטע רייע פון פארמישטע קערפערשאפטן אויף אן אנגייענדן פארנעם צו פארזיכערן אז אלע קאמיוניטיס אריבער די גאנצע ראיאן ווערן פולשטענדיג פארטראטן אין דעם פראצעדור פון אוועקשטעלן פריאריטעטן פאר קאמיוניטי אינוועסטירונג. די קאמיטע האט זיך געטראפן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פארמישטע קערפערשאפטן צו אויסלייגן דעם פראצעדור פון אהערשטעלן א 'קאמיוניטי פריאריטעטן דאקומענט' וואס וועט שטיצן די פירמע'ס קאמיוניטי אינוועסטירונג סטראטעגיע.

דורכאויס די זיצונג איז אנאנסירט געווארן אז עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ( Empire State Development, ESD) און Micron האבן געספאנסארט א טיפע שטודיע צו בעסער פארשטיין די צענטראל ניו יארק האוזינג מארקעט און העלפן ווייזן די וועג פאר אינוועסטירונגען פון פארמישטע קערפערשאפטן. די שטודיע וועט ארייַנרעכענען אנאליזן פון אינפארמאציע, די באטייליגונג פון פארמישטע קערפערשאפטן, פארשטיין שטודיעס פון ספעציפישע פעלער און די אנגענומענע נאציאנאלע סטאנדארטן און אזוי אויך פאליסי פארשונג. די ESD ענדיגט יעצט צו די קאָנסאָלטינג און ערווארטעט אז ארבעט זאל זיך אנהויבן ביי די סוף פון 2023.

אין צוגאב האט CenterState'o CEO לעצטנס אויסגעוועהלט די קאָנסאָלטינג פירמע Fourth Economy צו אונטערשמירן די רעדער פון דעם 'קאמיוניטי פריאריטעטן דאקומענט' פראצעדור פאר די קאמיטע. Fourth Economy וועט אנאליזירן די אינפארמאציע וואס איז דא אויף וויכטיגע נושאים, זיי וועלן ארויסהעלפן מיט די קאמיטע'ס מיטארבעט מיט קאמיוניטי גרופעס, אנפירן 'קאנצענטראציע גרופעס' וועלכע ארבעטן אויף ספעציפישע נושאים און אפהאלטן אינטערוויוס מיט פארמישטע גרופעס און מיט די פובליק און זיי וועלן ארויסהעלפן אראנזשירן נאך פובליק באגעגענישן.

גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן ניו יארק'ס טראנספארמאטיווער 'גרינע CHIPS' געזעץ אין אויגוסט פון 2022 כדי צו מאכן ניו יארק פאר א צענטער פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג בשעת'ן שאפן דזשאבס, אונטערשטיצן עקאנאמישע וואוקס און היטן אויף וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר די ענווייראמענט. אין צוגאב צום וועקשטעלן פאדערונגען אז פירמעס זאלן ברענגען דזשאבס און זיין אחריות'דיג צו די ענווייראמענט — פארזיכערט 'גרינע טשיפס' אז ביזנעסער זאלן מאכן באדייטנדע אינוועסטירונגען אין ארבעטסקראפט און קאמיוניטי אנטוויקלונג, אריינרעכנענדיג דורך טרענירונג, בילדונג און טשיילד קעיר אפציעס.

די גאווערנער בלייבט פארפליכטעט צו פארברייטערן אפאָרדעבעל, פארלעסליכע טשיילד קעיר אריבער ניו יארק סטעיט. אלץ טייל פון די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט ניו יארק סטעיט צוגעזאגט 7 ביליאן דאלאר אויסגעשפרייט איבער פיר יאר אונטער די באהויפטונג אז צוטריט טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט איז קריטיש פאר קינדער, פאמיליעס און פאר די סטעיט'ס עקאנאמישע ערהוילונג. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט אוועקגעשטעלט דעם 'ארבעטסקראפט אנהאלטונג גרענט פראגראם' (Workforce Retention Grant Program) וואס טיילט צו 500 מיליאן דאלאר אין נישט-אויסגענוצטע פעדעראלע געלטער צו פארטיילט ווערן אלץ גרענטס פאר בארעכטיגטע טשיילד קעיר פראגראמען; א נייע 25 מיליאן דאלארדיגע 'ארבעטסגעבער טשיילד קעיר טעקס קרעדיט' וואס וועט געגעבן ווערן פאר ביזנעסער אין לויף פון די קומענדיגע צוויי יאר וועלכע וועלן פארשאפן נייע טשיילד קעיר פלעצער (און פארברייטערן עקזיסטירנדע אפציעס) פאר זייערע ארבייטער; און נאך היסטארישע פינאנצירונג — אריינרעכנענדיג א 4.8 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין א נייער פראגראם וואס ווערט די ערשטע מאל אויספרובירט אין וועלכע די ארבעטסגעבער שטעלן צו טשיילד קעיר פאר זייערע ארבייטער. אין צוגאב איז 1 מיליאן דאלאר צוגעטיילט געווארן אין די בודזשעט צו אויפשטעלן א סטעיט-ברייטער פראגראם אין יעדע פון די 10 'ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל" (Regional Economic Development Council) ראיאנען צו העלפן אינטערעסירטע ביזנעסער טרעפן אפציעס וויאזוי צו שטיצן די געברויכן פון זייערע ארבייטער פאר טשיילד קעיר, און צו ארויסגעבן אן אנווייזונג ביכל פאר ארבעטסגעבער-צוגעשטעלטע טשיילד קעיר אריבער די סטעיט.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "א מאנגל אין אפאָרדעבעל, זיכערע און פארלעסליכע פלעי גרופס איז אפט די סיבה פארוואס עלטערן לייגן זייער קאריערע אויף א האלט, לייגנדיג דערמיט א פינאנציעלע לאסט אויף זייער פאמיליע. גאווערנער האקול'ס 'גרינע טשיפס' פראגראם נעמט אוועק שטרויכלונגען פון ארבייטער און ערמעגליכט פאמיליעס צו בליהען אין ניו יארק סטעיט."

**צענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פארזיצער, רענדי וואלקען, פרעזידענט און CEO פון די מעניופעקטשורערס אסאָסיעישען פון צענטראל ניו יארק און די פרעזידענט פון די Le Moyne קאלעדזש, לינדע מ. לעמורא, האבן געזאגט,** "מען קען נישט איבערטרייבן די ערווארטעטע עקאנאמישע השפעה וואס Micron וועט האבן אויף צענטראל ניו יארק. מיר לויבן זיי אויס פאר זייערע קאנצענטרירטע טשיילד קעיר באמיאונגען, אזוי ווי דאס צושטעלן אויפן-ארטיגע קעיר פאר זייערע ארבייטער צו אויסנוצן וועט זיין קריטיש, נישט נאר פאר זייער אייגענע

אנגייענדע הצלחה נאר פאר די גאנצע ראיאן. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די פירמע און פאר גאווערנער האקול פארן מאכן די אינוועסטירונג פאר א מציאות."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "מיט צענטראל ניו יארק זייענדיג א היים צו די גרעסטע אינוועסטירונג אין די היסטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן, פארלאנגט זיך אז יעדער איינער זאל ארויסהעלפן מיטן אויפבויען די ארבעטסקראפט צו אנפילן די צענדליגע טויזנטע נייע קאנסטרוקציע, מעניופעקטשורינג און ערפינדונג דזשאבס וואס Micron'ס 100 ביליאן דאלארדיגער פראיעקט וועט שאפן. און דאס מיינט צושטעלן טשיילד קעיר אפציעס פון א הויכע קוואליטעט פאר אונזערע צענטראל ניו יארק פאמיליעס. די געציהלטע טשיילד קעיר צוזאגן פון Micron, אריינרעכענענדיג באמיאונגען צו פארברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט און פריע חינוך פאר קאמיוניטיס וואס האבן ווייניגער סערוויס אין די ראיאן, באצייכנט באדייטנדע פארשריט אין ריכטונג פון דעם 'מעגא-פעב' פראיעקט. איך בין שטאלץ צו שטיצן Micron'ס און גאווערנער האקול'ס צוזאג צו מאכן אפאָרדעבעל און צוגענגליכע טשיילד קעיר א רעאליטעט פאר מער פאמיליעס אריבער ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "די מאנגל אין אפאָרדעבעל טשיילד קעיר איז איינס פון די הויפט שטרויכלונגען אויפן וועג פון פילע ארבעטנדע פאמיליעס צו קענען ארבעטן פול טיים, באזונדערס פאר פרויען. אלץ טייל פון זייער איבערגעגעבנקייט צו ווערן א הויפט ארבעטסגעבער אין צענטראל ניו יארק, בין איך פרייליך צו זעהן אז Micron האט דאס געשטעלט אלץ פריאריטעט צו אינוועסטירן אין עטליכע פארשידענע געגנטער וועלכע וועלן צושטעלן אפאָרדעבעל טשיילד קעיר אפציעס פון א הויכע קוואליטעט פאר עלטערן מיט קליינע קינדער. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר Micron פארן ארבעטן שווער צו פארזיכערן אז אלע צענטראל ניו יארקער באקומען א טשאנס צו ארבעטן, גיבנדיג עלטערן די געלעגנהייט צו צושטעלן א גוטע לעבן פאר זייערע קינדער."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "פארשטערקערן אונזער טשיילד קעיר סיסטעם און עלימינירן 'טשיילד קעיר מדבריות' איז א פריאריטעט פאר די סענאט מאיאריטעט וויבאלד אפאָרדעבעל און צוגענגליכע טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט איז גוט פאר פאמיליעס, פאר עקאנאמישע אקטיוויטעט און פאר לערנען, און עס ביישטייערט צו די קוואליטעט פון לעבן אין אונזער ראיאן. איך בין א שטארקער שטיצער פון די היסטארישע אינוועסטירונגען וואס ניו יארק סטעיט האט געמאכט אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר צו דירעקט אדרעסירן די אנגעלעגנהייט. געגוג פלאנירונג און אנגייענדע אינוועסטירונגען אין צענטראל ניו יארקע טשיילד קעיר זענען קריטיש וויכטיג אזוי ווי מיר גרייטן זיך פאר די אנקום פון די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. איך באדאנק Micron פאר די קאמיוניטי אינוועסטירונג און איך לויב שטארק אויס גאווערנער קעטי האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פאמיליעס און קינדער, פאר איר צוזאמענארבעט אויף דעם 'גרינע טשיפס' געזעץ און פאר איר יסודות'דיגע שטיצע צו ברענגען פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג צו צענטראל ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפ האט געזאגט,** "א מאנגל אין פארלעסליכע און אפאָרדעבעל טשיילד קעיר קען זיין א שטרויכלונג וואס שטערט סיי וועלכע ארבעטנדע עלטערן פון אריינגיין אין די ארבעטסקראפט. אזוי ווי Micron בויט אויף א סעמי-קאָנדאָקטער טשיפּס מעניופעקטשורינג פאבריק דא אין צענטראל ניו יארק, לויב איך אויס זייער איבערגעגעבנקייט צו אונזערע קאמיוניטיס'ס פריאריטעטן און באדערפענישן, אריינרעכענענדיג מיטן צושטעלן צוטריט צו אפאָרדעבעל טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר זייערע ארבייטער. דאס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען אויסנוצן פעדעראלע און סטעיט אינוועסטירונגען צוזאמען מיט קערפערשאפטן וואס שטעלן צו ארבעט, ווי Micron, כדי צו נישט נאר פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע נאר אויך פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פון אונזער ארבעטסקראפט."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין טשיילד קעיר איז א נויטיגע צוזאג אזוי ווי מיר פארברייטערן די לאקאלע ארבעטסקראפט. פארזיכערן אז ארבייטער האבן פארלעסליכע טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט וועט גיבן פאר ארבייטער די געלעגנהייט זיך צו קענען קאנצענטרירן דורכאויס די ארבעטס טאג."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי עקזעקיוטיוו רייען מעקמעהאן האט געזאגט, "**צוטריט צו אפאָרדעבעל און פארלעסליכע טשיילד קעיר איז א שטרויכלונג וואס מיין אדמיניסטראציע האט געארבעט פלייסיגערהייט צו לייזן זינט איך בין אריין אין אפיס. מיר האבן געמאכט פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין די נושא, און מיר בלייבן פעלזן פעסט מיט אונזער פארפליכטונג. איך וויל באדאנקען Micron און ניו יארק סטעיט פאר זייערע אינוועסטירונגען צו פארגרעסערן די טשיילד קעיר אינפראסטרוקטור אין אונזער קאמיוניטי. האבן אן אייניגע און ברייטע צוגאנג צו די אונטערנעמונג וועט זיכער מאכן אז יעדע מיטגליד פון אונזער קאמיוניטי האט די געלעגנהייט צו אויסנוצן די באגייסטערנדע נייע קאפיטל אין אונזער קאמיוניטי'ס געשיכטע פון ווידער אויפשטייג."

**סירעקיוס מעיאר בען וואַלש האט געזאגט,** "Micron רוקט זיך פאראויס אין א דורכגעטראכטע און צוזאמענארבעטנדע וועג אזוי ווי עס אינוועסטירט אין סירעקיוס און אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי. די פירמע ארבעט פון די נאענט מיט ניו יארק סטעיט, לאקאלע רעגירונג און נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס זיך צו אנגרייטן פאר אלע באדערפענישן און געלעגנהייטן וואס ווערן אנגעברענגט דורך איר צוזאג צו אויפבויען איינס פון די וועלט'ס גרעסטע סעמי-קאָנדאָקטער פאבריקאציע פלענטס אין אונזער קאמיוניטי. אוועקשטעלן אויפן-ארטיגע טשיילד קעיר וועט העלפן אונזער ראיאן אדרעסירן די מאנגל וואס מיר האבן אין די קריטישע פעלד וואס באטרעפט קינדער, פאמיליעס און ביזנעסער. איך באדאנק גאווערנער האקול און די Micron פירערשאפט פארן פארזעצן צו זיכער מאכן אז מיר נעמען ארויס די מערסטע פון די היסטארישע געלעגנהייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער press.office@exec.ny.gov |518.474.8418 |